**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/14/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז MTA Metro-North באנען ברעכן רעקארד פון צאל פאסאנזשירן אין תקופה פון פאנדעמיע צום צווייטן מאל אין צוויי וואכן**

***Metro-North האט געפירט 180,200 פאסאנזשירן דעם דינסטאג, סעפטעמבער 13, איבערשטייגנדיג פאריגע רעקארד אוועקגעשטעלט מיטוואך, סעפטעמבער 7***

***ניו יארק סיטי סאָבוועי און Long Island Rail Road זענען נעכטן אנגעקומען צו צווייט-העכסטע צאל פאסאנזשירן זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן***

***זעהט טעגליכע פאסאנזשיר ציפערן פאר MTA אגענטורן*** [דא]

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט Metro-North באנען האבן געפירט א רעקארד צאל פאסאנזשירן אין די צייט פון די פאנדעמיע נעכטן, מיט 180,200 פאסאנזשירן, אדער 68.6 פראצענט פון די דורכשניטליכע צאל פאסאנזשירן בעפאר די פאנדעמיע, איבערשטייגנדיג Metro-North'ס פאריגע רעקארד וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן מיטוואך, סעפטעמבער 7 פון 179,600. די צאל Metro-North פאסאנזשירן די פיר וואכן טעג נאך לעיבאר דעי זענען געווען די העכסטע פיר טעג אין א ציה זינט קאוויד האט זיך אנגעהויבן, מיט א דורכשניטליכע צאל פאסאנזשירן אויף א וואכן טאג פון 171,000, אדער 65.1 פראצענט פון די דורכשניטליכע צאל בעפאר די פאנדעמיע.

"אונזער רעקארד-ברעכנדע צאלן פון פאסאנזשירן זענען די לעצטע צייכן אז ניו יארק'ס ווידער-אויפשטייג נאכן פאנדעמיע באקומט שוואונג אין ניו יארק סיטי און אין די האדסאן וואלי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "האבן מער ניו יארקער וועלכע נוצן אונזער פובליק טראנספארטאציע איז נישט נאר גוט פאר די עקאנאמיע, נאר אויך פאר די ענווייראמענט, און די לעצטע עררייכונג איז א מוטיגנדע צייכן פון דאס וואס ליגט אין די צוקונפט."

**Metro-North פרעזידענט און Long Island Rail Road צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "מיר זעהען א געזונטע צאל פון פאסאנזשירן זיך צוריקקערנדיג צו אלע באנען, א צייכן אז מער און מער פאסאנזשירן זעהען איין אז די טעגליכע באנען זענען א שנעלע און גרינגע וועג צו פארן אין אונזער ראיאן — נאך אפילו מער יעצט מיט אונזער נייע Train Time (באן צייט) עפּ וואס לייגט טיקעט פרייזן, גאר דעטאלירטע לעבעדיגע באן אינפארמאציע און לעבעדיגע אינטעראקטיווע קאסטעמער סערוויס אין איין פלאץ."

אין צוגאב, זענען די צאל פאסאנזשירן אויף ניו יארק סיטי טרענזיט און אויף Long Island Rail Road אויך געווען הויך. די צאל סאָבוועי פאסאנזשירן איז אנגעקומען צו 3.61 מיליאן אום סעפטעמבער 13, די צווייט-העכסטע צאל זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן אין ניו יארק אין מערץ 2020. באסעס האבן געפירט בערך 1.42 מיליאן פאסאנזשירן דעם זעלבן טאג. LIRR האט געפירט 200,200 פאסאנזשירן

אדער 69 פראצענט פון די צאל פאסאנזשירן פאר די פאנדעמיע, די צווייט-העכסטע צאל פאסאנזשירן דורכאויס די פאנדעמיע — איינס נאך די רעקארד פון 204,000 וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן מיטוואך, סעפטעמבער 7.

די MTA זעצט פאר צו מוטיגן מענטשן צו נוצן פובליק טראנספארטאציע מיט טיקעט פרייזן דיסקאונטס אנגעהויבן פריער דעם יאר. סיי LIRR און סיי Metro-North האבן אנגעהויבן טיקעט פרייזן אפפערס, אריינרעכענענדיג א 10 פראצענטיגע דיסקאונט אויף חודש'ליכע פאסן און א נייע 20-רייזע טיקעט ספעציעל פאר מענטשן וועלכע ארבעטן טיילווייז פונדערהיים. די נייע 20-רייזע טיקעט שפארט איין פאר פאסאנזשירן 20 פראצענט אויף רעגלמעסיגע טיקעטס אין פארנומענע צייטן. פאר די פאסאנזשירן פון די באנען וועלכע פארן אין די פינף בעראוס האט די MTA אויך פארברייטערט 'סיטי טיקעט' (City Ticket), וואס אפפערט א רעדוצירטע באשטימטע פרייז פון $5.00 פארן נוצן די באן אין ניו יארק סיטי סוף פון די וואך צו אריינרעכענען אלע באן רייזעס אין נישט פארנומענע צייטן אין וואכן טעג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418